בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ב' | וזאת הברכה | י"ב תשרי | תשע"ב | פסחים: ק"ב:

# באריכט:

## בקודש פנימה

נעכטן – אום מוצאי יו"ט אויפגערנאכט איז בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א פאהרגעקומען דער חאלאקע לבן מוה"ר זלמן לייב דייטש הי"ו פון קרית יואל.

## בקודש פנימה

נעכטן נאכמיטאג האט מרן רבינו שליט"א בטירחא דגופא מסכך געווען סוכתו הפרטי בביתו נאוה קודש אין קרית יואל.

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ביהמ"ד הגדול אין קרית יואל ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הבחורים חתני הבר מצוה, הב' בנש"ק יקותיאל יודא נ"י בן הר"ר אהרן טייטלבוים שליט"א בן הגה"צ אב"ד דקהלתינו 15'טע עוו. שליט"א, הב' בן מוה"ר יעקב משה הויער הי"ו פון וויליאמסבורג, און הב' בן מוה"ר אליעזר יחזקאל שרגא ווייס הי"ו פון קרית יואל.

פאר'ן דאווענע איז פאהרגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' הערשל ב"ר מאיר ווערטהיימער הי"ו פון וויליאמסבורג, און דער ברית לבן הנולד לר' יצחק ב"ר מענדל לעווי הי"ו פון וויליאמסבורג, ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים לרגל די שמחת הנחת תפילין פון נין מרן רביה"ק זי"ע ונכד הגה"צ אב"ד דקהלתינו 15'טע עוו. שליט"א.

אין די פארמיטאג שעה'ן איז בביתו נאוה קודש פון מרן רבינו שליט"א פאהרגעקומען דער פארהער ווי די אריבער 150 בחורים יוצאי כיתה ט' - מכינה לישיב"ק קרית יואל כיתה ט' קרית יואל האבן זיך געלזאגט פארהערן גאנץ מס' קידושין.

## גרויסארטיגע הכנות אין וויליאמסבורג אויף די צווייטע טעג בצל הקודש

אין די טעג ווערן געמאכט די לעצטע הכנות צו די געהויבענע יום טוב הבעל"ט בצל הקודש אין וויליאמסבורג.

ספעציעל האט הנהלת קהלתינו הק' אהערגעשטעלט א פיל פארגרעסטערטע סוכה ע"י ביהמ"ד הגדול לרגל די עריכת השלחן פון ליל אושפיזא דאהרן כהנא קדישא וועלכער וועט אי"ה געפראוועט ווערן אין וויליאמסבורג ברוב פאר והדר אינאיינעם מיט די שמחת קריאת התנאים פון נכד מרן רבינו שליט"א ווי שוין באריכטעט די פארגאנגענע וואך.

אזוי אויך מעלד דער וועד האש"ל אז צוליב דעם גרויסן עולם ערווארטעטעט געסט אויף די צווייטע טעג האט די הנהלת מוסדותינו הק' אין וויליאמסבורג אהערגעשטעלט אז די סעודות יו"ט פאר די הונדערטער געסט וועלן אי"ה סערווירט ווערן אין די זאלן פון מנוחה ושמחה.

באזונדער וועט אי"ה צוגעשטעלט ווערן א ספעציעלן ארט ווי עס וועלן אויסגעלייגט ווערן הונדערטער בעטן פאר די געסט וועלכע וועלן אי"ה ווילן בצל הקודש אויף די צווייטע טעג.

פאר פרטים איבער אש"ל און אזוי אויך ווער עס האט דירות צו פארדינגען זאל ביטע אריינרופן אויף קול סאטמאר אויף:

212-444-9899

עקסטענשאן: 932

## מעמד סיום זמן הקיץ תשע"א וסיום מס' סוכה אין ישיבתיה"ק אין לאנדאן

א שיינער מעמד סיום הזמן איז פאהרגעקומען אין לאנדאן מיט די תלמידי ישיבה קטנה בראשות דעם ראש הישיבה – הגה"צ אב"ד דקהלתינו לאנדאן שליט"א, אין זאל פון ישמח לב.

אלס יושב ראש המעמד האט געדינט הרב יחזקאל מקובעצקי שליט"א, און הב' חיים אלעזר יונה הי"ו בן הרבני הנגיד מוה"ר פנחס וויינבעגער הי"ו האט געמאכט דעם סיום אויף מס' סוכה.

ביי דעם מעמד האבן אויפגעטרעטן מיט דרשות הגה"צ דער רב שליט"א, וועלכער האט ארויסגעברענגט בשבח פון די ישיבה און וואס א סייעתא דשמיא עס איז געווען דורכאויס דעם ערשטן יאהר פון איר עקזיסטענץ, און דערביי האט דער רב שליט"א ערוועהנט אז די דאזיגע ישיבה האט ארפאגעלייגט א שטארקע יסוד פאר'ן עתיד פון קהלתינו הק' אין לאנדאן.

דערנאך האט אויפגעטרעטן הר"ר פנחס שלעזינגער שליט"א מנה"ר, און בשם די הורי הישיבה האט אויפגעטרעטן מוה"ר ישעי' גאטעסמאן הי"ו וועלכער האט אויסגעברענגט די רגשי הכרת הטוב פאר די איבערגעגעבנע הנהלת הישיבה.

א ספעציעלער גורל פאר די תלמידי הישיבה וועלכע האבן צוגעשטעלט מערערע שעות רצופות בלימוד התורה אין די לעצטערע וואכן פון סוף זמן, און וועלכער עס איז אויסגעראפעלט געווארן א טיקעט צו פאהרן אויף די צווייטע טעג יו"ט בצל הקודש פון מרן רבינו שליט"א אין וויליאמסבורג. דער זוכה בגורל איז געווען הב' בן הרה"ג ישראל יעקב עקשטיין שליט"א.

אצינד אין די טעג גייען ווייטער אהן די הכנות צום קומענדיגען זמן הלימודים הבעל"ט ווי די הנהלת הישיבה לייגן אריין שווערע כוחות צוצושטעלן א הערליכע מקום תורה פאר די קרוב צו 50 בחורים וואס וועלן אי"ה לערנען אין די ישיבה אינעם קומענדיגן זמן.

*-כה לחי!-*

~•~

# יו"ט חלוקה דורך דער נייער "התאחדות אברכים ד'סאטמאר" אין בית שמש

אין שטאט בית שמש אין ארה"ק ווי עס איז לעצטנס געגרינדעט געווארן דער "התאחדות אברכים דחסידי סאטמאר" מיט די מערערע אברכי אנ"ש וועלכע האבן זיך אהינגעצויגן, איז לכבוד יו"ט צוגעשטעלט געווארן א נאבעלער חלוקה אין וועלכער די אנ"ש האבן ערהאלטן ספעציעלע קארטלעך ווי זיין האבן בדרך כבוד ערהאלטן יום-טוב'דיגע פראדוקטן אין די געשעפטן.

דער פראיעקט איז צוגעשטעלט געווארן מיט די איבערגעגעבענע שתדלנות פון הרה"ח שמעון עזרא סאנדער שליט"א מראשי התאחדות האברכים ומגי"ש בחבורת יסודי התורה אין בית שמש.

~•~

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**